**וואס איז אויב איך האב נישט קיין שום אינשורענס און איך קען זיך נישט ערלויבן צו באצאלן די שפיטאל ביל?**

מיימאנידעיס מעדיקעל סענטער שטעלט צו רעדוצירטע פרייזן פאר ניו יארק סיטי איינוואוינער וואס פארדינען ווייניג, אדערוואס האבן שוין אויסגעניצט זייערע העלטה בענעפיטן, מיט ספעציעלע אנווייזונגען פאר עמערזשענסי סערוויסעס. עס איז דא צו באקומען פינאנציעלע הילף פאר עמערזשענסי סערוויסעס פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינערס וואס פארדינען ווייניג. פאציענטן ווערט באטראכט אלץ די וואס פארדינען ווייניג אויב זייער פאמיליע איינקונפט איז אונטער א פראצענטידש פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל, און זיי קומען נאך אן "עסעט טעסט".

פינאנציעלע הילף קען אויך געגעבן ווערן לויט די פאקטן פון יעדן באזונדערן פאל, פאר פאציענטן וואס קומען נישט נאך די פינאנציעלע בארעכטיגונג סטאנדארט אבער דארפן זיך ספראוווען מיט אויסערגעווענליכע מעדעצינישע קאסטן.

**ווערן אלע סערוויסעס געדעקט?**

די סערוויסעס מוזן זיין וויכטיג פון א מעדעצינישע שטאנדפונקט און צוגעשטעלט דורך מיימאנידיעס מעדיקעל סענטער. די סערוויסעס וואס ווערן נישט געדעקט דורך די פאליסי ענטהאלט:

- חפצים וועלכע זענען נישט וויכטיג פון א מעדעצינישן שטאנדפונקט (ווי למשל קאסמעטישע פראצעדורן);
- חפצים וועלכע האבן נישט קיין קלינישע אדער טעראפיעשע בענעפיטן (ווי למשל: טעלעפאנען, טעלעוויזיע און א די פארשידענארטיגע קאסטן פון א פריוואטן צימער).
- סערוויסעס וואס ווערן נישט געדעכנט דורך דעם שפיטאל (ווי למשל אנעסטיזשיע סערוויסעס, רעכענונגען פון דאקטוירים) און צוגאב-צאלונגען און אראפרעכענונגען.

**ווי אזוי וועל איך וויסן וועלכע סערוויסעס ווערן געדעקט?**

ווען איר גיט זיך איין פאר פינאנציעלע הילף, וועלן מיר אייך אינפארמירן וועלכע באהאנדלונגען קענען ווערן געדעקט.

**וואס דארף איך טון צו ווערן גענומען אין באטראכט פאר רעדוצירטע קאסטן?**

איר מוזט רעדן מיט א פינאנציעלן ראטגעבער וואס וועט ארבייטן מיט אייך צו באשטימען  אויב איר זענט בארעכטיגט פאר פובליק אינשורענס (ווי מעדיקעיד, פעמילי העלטה פלאס, טשיילד העלטה פלאס, פרינעטעל קעיר אסיסטענס פראגראם), פאר א רעדוצירטע פרייז אדער אנדערע פינאנציעלע הילף. ביטע פארבינדט אייך מיט די פינאנציעלע סערוויס אפטיילונג אויף 718-283-7790 אנצוהייבן דעם פראצעדור. פאר מענטאל העלטה סערוויסעס, ביטע פארבינדט זיך מיט CMHC רעגיסטראר אויף 718-283-8144.

**בין איך בארעכטיגט פאר א רעדוצירטע פרייז?**

די פינאנציעלע הילף פראגראם איז באזירט אויף די פעדעראלע ארעמקייט שטאפלען פאר פאמיליע גרויסקייט און איינקונפט ווי אויך אלגעמיינע "ליקוויד עסעטס" ד.מ. קעש, אדער אייגנטוהם וואס קען ווערן איינגעטוישט פאר קעש (באנק אקאונטס, סטאקס, באנדס).  פאציענטן מיט א פאמיליע איינקונפט איבער 300% פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל, אדער ווייניגער זענען לכאורה בארעכטיגט פאר דיסקאונטס. די צאל פון דיסקאונטס ווענדט זיך אויף די פאמיליע איינקונפט'ס פונקטליכע פערסענטידזש (0%-300%) פון די פעדעראלע ארעמקייט שטאפל און די עסעט טעסט.

אין צוגאב צו זיין בארעכטיגט פינאנציעל, ווערט פארלאנגט פון אייך צוצושטעלן געוויסע דאקומענטאציע פאר די פינאנציעלע הילף אפליקאציע און אויך קאאפערירן מיט די שטאב אויף אנדערע אופנים, זיי צו זיין בייהילפיג אין דעם פראצעדור.

ביטע נעמט אויך אין אכט אז איר זענט נישט בארעכטיגט פאר א רעדוצירטע פרייז אויב איר קענט באקומען הילף פון א פובליק באצאלטע אינשורענס פראגראם (ווי מעדיקעיד, פעמילי העלטה פלאס, טשיילד העלטה פלאס, פרינעטאל קעיר הילף פראגראם). צו זיין בארעכטיגט פאר א רעדוצירטע פרייז, מוזט איר צושטעלן סיי וואס פארא פארלאנגטע אינפארמאציע אדער דאקומענטאציע, ווי אויך דארפט איר קאאפערירן מיט מיימאנידיעס פינאנציעלע שטאב.

די פינאנציעלע הילף מוז ווערן פארלאנגט ביז 90 טאג פונעם טאג וואס די סערוויס פאר וועלכע מען דארף די פינאנציעלע הילף איז געטון געווארן.

**ווי לאנג וועט די אפליקאציע פראצעדור דויערן?**

ווי באלד די אפליקאציע איז אויסגעפילט געווארן און איר האט צוגעשטעלט אלע פארלאנגטע דאקומענטאציע און אינפארמאציע, וועט מיימאנידיעס מעדיקעל סענטער'ס פינאנציעלע סערוויס אפטיילונג, און פאר סערוויסעס וועלכע זענען פארבינדן מיט CMHC, וועט די רעגיסטראר'ס אפיס איבערגיין די אינפארמאציע און מאכן א באשלוס ביז 10 ביזנעס טעג. אויב איר ערהאלט א ביל אינדערצייט וואס אייער אפליקאציע האלט אינמיטן דעם דורכגאנג פראצעדור, מיינט עס נישט אז אייער אפליקאציע פאר א רעדוצירטע פרייז איז אפגעוויזן געווארן.

**ווי אזוי וועל איך וויסן צו איך בין באשטעטיגט געווארן?**

(Financial Assistance Program: Frequently asked questions/Yiddish)

די פינאנציעלע סערוויס אפטיילונג אדער די CHMC רעגיסטראר'ס אפיס וועט אייך מעלדן שריפטליך צו אייער אפליקאציע פאר א רעדוצירטע פרייז איז באשטעטיגט אדער צוריקגעווויזן געווארן. אויב איר זענט באשטעטיגט געווארן, וועט מען אייך מעלדן די סומע פון אייער פרייז רעדוקציע.

**וואס פאסירט אויב מיין אפליקאציע ווערט אפגעזאגט?**

מיר וועלן ארבעטן מיט אייך צו אנטוויקלען א רעאליסטישטע און יושר'דיגע באצאלונגס פלאן, און אין דער זעלבע צייט אין אכט נעמען די פינאנציעלע פארפליכטונגען פאר די צוגעשטעלטע סערוויסעס.

אויב אייער אפליקאציע ווערט אפגעזאגט, האט איר די רעכט צו אפעלירן דעם באשלוס ביז 30 טעג פון די מעלדונג. די וויצע פרעזידענט איבער פינאנץ (פינאנציעלע סערוויסעס), און פאר פיזיקייאטרי סערוויס, וועט די אדמיניסטראטור פאר פיזיקייאטרי באשליסן איבער די אפעלאטן. אפעלאטן דארפן ווערן געמאכט שריפטליך (אדער פערזענליך, דורך אן אפוינטמענט) צום וויצע פרעזידענט (פינאנציעלע סערוויסעס) אויף די פאלגענגע אדרעס:

**4802 Tenth Avenue**
**Brooklyn, NY 11219**
**718- 283-7753**

פונדעסטוועגן, אויב די אפעלאט ווערט צוריקגעוויזן וועט די פינאנציעלע ראטגעבער ארבעטן מיט אייך צו אראנזשירן א באצאלונגס פלאן.

**וואס פאסירט אויב איך בין באשטעטיגט געווארן און איך דארף פרישע באהאנדלונגען?**

באשטעטיגונג פון בארעכטיגונג פאר רעדוצירטע פרייזן איז גילטיג פאר איין יאר, און דאן וועט די בארעכטיגונג דארפן נאכאמאל איבערגעקוקט ווערן.

**וואס פאסירט אויב איך בין אבאשטעטיגט געווארן און איך וויל באצאלן די סומעס וואס איך בין שולדיג ביסלעכווייז?**

פאציענטן וועלכע ערהאלטן פינאנציעלע הילף קענען פארלאנגען א פלאן צו באצאלן ביסלעכווייז פון א פינאנציעלע קאונסלער.

**ווערן פרעסקריפשאנס, פסיכיאטרישע סערוויסעס, און נוירסינג היים סערוויסעס געדעקט אין די פינאנציעלע הילף פלאן?**

פרעסקריפשאנס און נוירסינג היים באהאנדלונג ווערן נישט געדעקט. סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך מיימאנידיעס מעדיקעל סענטער פאסיליטיס, פאר פאציענטן וועלכע זענען אינעם שפיטאל ווערן געדעקט, אבער אן עקסטערע פינאנציעלע הילף פראגראם עקזיסטירט פאר אוט-פאציענט מענטאל העלטה.
אויב איר ווילט באקומען מער אינפארמאציע איבער פינאנציעלע הילף פאר אוט-פאציענט פסיכיאטרישע סערוויסעס, ביטע רופט דעם מענעדשער פון פינאנציעלע אפעראציעס פאר פסיכיאטארי אויף 8144-283-718.

**קען איך באקומען נייטיגע לאבאראטאריע טעסטס אונטער אייער פינאנציעלע הילף פלאן?**

רעדוצירטע פרייזן זענען דא צו באקומען פאר מעדיציניש וויכטיגע לאבארטאריע טעסטס, עקס-רעיס, און אנדערע צוגאב סערוויסעס וואס ווערן דורכגעפירט אין מיימאנידיעס אויב איר קומט נאך די אנדערע בארעכטיגונג קריטעריע.

**אויב איך ערהאלט פינאנציעלע הילף ווערט די אינפארמאציע פארעפנטליכט?**

אלע אינפארמאציע אין אייער אפליקאציע ווערן געהאלטן אין געהיים.

**אויב האט איר סיי וועלכע צוגאב פראגעס ביטע פארבינדט אייך מיט די פינאנציעלע סערוויס אפטיילונג**

**7790-283-718**

Maimonides
Medical Center

# פינאנציעלע הילף פראגראם

**אפט געפרעגטע פראגעס**